בעזרת השם יתברך

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת

גליון

## פאר'ן שבת טיש



פרשת בחוקתי
(בא"י במדבר)
כ"ז אייר
שנת תשפ"ב לפ"ק
שנה 3, גליון 29
(81)

אַרויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב

**שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת אֱמוֹר, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א. אִינְדֶערפְרִי נָאכ'ן דַאוֶונֶען בַּיים 'קִידוּשָׁא רַבָּא' הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען דֶעם שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ 'סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת', מַעֲשֶׂה יב, מִבַּעַל תְּפִלָּה.**

אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר

דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט, עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ בַּעַל תְּפִלָּה וָואס פְלֶעגְט אַרוּמְגֵיין רֶעדְן צוּ מֶענְטְשְׁן אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין אַנְדֶערֶער תַּכְלִית אוֹיף דֶער וֶועלְט, נָאר צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶעס אַנְדֶערְשׁ זֶענֶען נַארִישְׁקֵייטְן. עֶר הָאט גֶעהַאט אַ פְּלַאץ חוּץ יִשׁוּב וואוּ עֶר הָאט גֶעוואוֹינְט, אוּן וֶוער עֶס הָאט צוּגֶעהֶערְט צוּ אִים, הָאט עֶר אוֹיךְ גֶעשִׁיקְט וואוֹינֶען חוּץ לְיִשׁוּב. אוּן דֶער בַּעַל תְּפִלָּה הָאט גֶערֶעדְט מִיט אַ מוֹרָא'דִיגֶע חָכְמָה, אוֹיב הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז יֶענֶער אִיז דֶערְבֵּיי, הָאט עֶר וַוייטֶער גֶערֶעדְט צוּ אִים, אוּן אוֹיב הָאט עֶר פַארְשְׁטַאנֶען אַז יֶענֶער ווִיל אִים נִישְׁט אוֹיסְהֶערְן, אִיז עֶר גֶעוָוארְן צוּ יֶענֶעם ווִי אַ חַבֵר, אוּן אַזוֹי פַארְדְרֵיידְט אַז יֶענֶער זָאל אֲפִילוּ נִישְׁט חָלוֹמְ'עֶן אַז עֶר ווִיל דָא עֶפֶּעס.

### רֶעדְן אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג

הָאבְּן מִיר שׁוֹין גֶעשְׁמוּעֶסְט פָארִיגֶע וָואךְ, אַז וֶוען מֶען רֶעדְט צוּ אַ מֶענְטְשׁ, אוֹיב גֵייט מֶען מִיטְ'ן אֵייגֶענֶעם שֵׂכֶל, מֶען רֶעדְט נִישְׁט אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג, קֶען זַיין אַז מֶען מַאכְט חָרוּב, אַנְשְׁטָאט אִים מְקָרֵב זַיין טוּט מֶען אִים מְרַחֵק זַיין; וַוייל אַז מֶען רֶעדְט פוּן זַאכְן וָואס יֶענֶער הַאלְט נָאכְנִישְׁט דֶערְבֵּיי, וָואס יֶענֶער אִיז נָאכְנִישְׁט אוֹיף דֶעם דַרְגָה, קוּמְט אוֹיס אַז דָאס רֶעדְן מַאכְט בְּלוֹיז חָרוּב, דוּ שְׁטוּפְּסְט אִים נָאר אַוֶועק פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶערְפַאר דַארְפְן דִי אַלֶע וָואס ווִילְן עוֹסֵק זַיין אִין צוּרִיק בְּרֶענְגֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן ווִיסְן, אַז דִי בֶּעסְטֶע וֶועג אִיז דוּרְךְ גֶעבְּן עֶפֶּעס מִיַּד לְיַד, דָאס הֵייסְט, גֶעבְּן אַ סֵפֶר, אַ קוּנְטְרֵס אָדֶער אַ גִלְיוֹן, עֶס קֶען גֶעלוּנְגֶען יֶענֶעם צוּ מְקָרֵב זַיין, אוּן עֶס קֶען אוֹיךְ אֶפְשָׁר נִישְׁט גֶעלוּנְגֶען, אָבֶּער דָאס קֶען זִיכֶער נִישְׁט מַאכְן עֶרְגֶער.

### דָארְט רֶעדְט מֶען נָאר פוּן גֶעלְט

אוּן דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט וַוייטֶער, אַז אַמָאל הָאט דֶער בַּעַל תְּפִלָּה גֶעהֶערְט אַז עֶס אִיז דָא אַ מְדִינָה וָואס דָארְט רֶעדְט מֶען נָאר פוּן גֶעלְט, אַז דוּ הָאסְט גֶעלְט בִּיסְטוּ חָשׁוּב, אוּן אַז נִישְׁט בִּיסְטוּ נִישְׁט חָשׁוּב, הָאט דֶער בַּעַל תְּפִלָּה גֶעגֶעבְּן אַ גְרוֹיסֶע קְרֶעכְץ, זָאגֶענְדִיג: **"וֶוער וֵוייסְט וואוּ זֵיי וֶועלְן נָאךְ פַארְקְרִיכְן"**, זֶענֶען דִי מֶענְטְשְׁן פוּנֶעם בַּעַל תְּפִלָּה גֶעגַאנְגֶען צוּ יֶענֶע מְדִינָה אָן רְשׁוּת פוּנֶעם בַּעַל תְּפִלָּה, אוּן פְּרוּבִּירְט צוּ פּוֹעֶלְ'ן בַּיי זֵיי אָפְּצוּלָאזְן זֵייעֶרֶע נַארִישְׁקֵייטְן, אָבֶּער זֵיי הָאבְּן נִישְׁט גֶעוָואלְט אוֹיסְהֶערְן.

דֶערְצֵיילְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וַוייטֶער:

אוּן דִי לַייט פוּן דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה (וָואס זֵיי זֶענֶען פְּרִיר דָארְט גִיוֶוען בַּיי דֶער מְדִינָה כַּנַ"ל) זֵיי הָאבִּין זִיךְ אוּמְגִיקֶערְט צוּ זֵייעֶר אָרְט. אוּן זֵיי הָאבִּין דֶערְצֵיילְט דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה פוּן דִי נַארִישְׁקֵייט פוּן דֶער מְדִינָה ווִי זֵיי זֶענֶען אַזוֹי פַארְנַארִישְׁט גִיוָוארִין אוּן פַארְפִירְט גִיוָוארִין אִין דֶער תַּאֲוָה פוּן גֶעלְט. אוּן אַז זֵיי ווִילִין שׁוֹין אַרוֹיס פוּן זֵייעֶר מְדִינָה אִין אֵין אַנְדֶערֶע מְדִינָה (וָואס דָארְט מַאכְט מֶען גֶעלְט כַּנַ"ל) אוּן זֵיי ווִילִין זִיךְ שׁוֹין מַאכִין שְׁטֶערִין אוּן מַזָּלוֹת (כַּנַ"ל) הָאט זִיךְ דֶער בַּעַל תְּפִלָּה אָנְגִירוּפִין עֶר הָאט מוֹרָא אַז זֵיי זָאלִין נִיט נָאךְ מֶער פַאר פִירְט וֶוערִין וַוייטֶער. דֶער נָאךְ הָאט מֶען דָאס גִיהֶערְט אַז זֵיי הָאבִּין זִיךְ שׁוֹין גִימַאכְט גָאטִין (כַּנַ"ל). הָאט זִיךְ דֶער בַּעַל תְּפִלָּה אָנְגִירוּפִין. הָאט דָאס הָאבּ אִיךְ גִימֵיינְט דֶערְפַאר הָאבּ אִיךְ מוֹרָא גִיהַאט (דְהַיְינוּ דָאס וָואס עֶר פְלֶעגְט אַלְץ זָאגִין עֶר הָאט מוֹרָא זֵיי זָאלִין נִיט נָאךְ אַרְגֶער פַארְפִירְט וֶוערִין הָאט עֶר דָאס גִימֵיינְט).

הָאט דֶער בַּעַל תְּפִלָּה גְרוֹיס רַחְמָנוּת אוֹיף זֵיי גִיהַאט. הָאט עֶר זִיךְ מְיַישֵּׁב גִיוֶוען. עֶר וֶועט אַלֵיין אַהִין גֵיין. טָאמֶער וֶועט עֶר זֵיי אַרוֹיס פִירִין פוּן זֵייעֶרֶע נַארִישְׁקֵייט.

### דֶער בַּעַל תְּפִלָּה הָאט רַחְמָנוּת

דָאס אִיז מוֹרָא'דִיגֶע הִתְחַזְקוּת; וַוייל מֶען זֶעט דָא דִי גְרוֹיסֶע רַחְמָנוּת וָואס דֶער רֶבִּי הָאט, אַז אֲפִילוּ עֶר הָאט גֶעזֶען ווִי זֵיי זֶענֶען אַרַיין גֶעפַאלְן אִין תַּאֲוַות מָמוֹן, וָואס אִיז דִי עֶרְגְסְטֶע זַאךְ, ווִי דֶער רֶבִּי זָאגְט שְׁפֶּעטֶער אַז דֶער גִבּוֹר הָאט גֶעזָאגְט פַארְ'ן בַּעַל תְּפִילָה: **"אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט פוּנֶעם קֶענִיג אַז פוּן אַלֶע תַּאֲוֹות קֶען מֶען אַרוֹיס נֶעמֶען דֶעם מֶענְטְשׁ חוּץ אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז אַרַיין גֶעפַאלְן אִין תַּאֲוַות מָמוֹן"**, מִיט דֶעם אַלֶעם הָאט דֶער בַּעַל תְּפִלָּה רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוֹיף זֵיי אוּן מַסְכִּים גֶעוֶוען זִיךְ אַרָאפְּצוּלָאזְן, אַלְס סָפֵק אֶפְשָׁר וֶועט עֶר זֵיי קֶענֶען אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן זֵייעֶרֶע תַּאֲוֹות אוּן נַארִישְׁקֵייטְן.

אִיז דֶער בַּעַל תְּפִלָּה אַהִין גִיגַאנְגֶען. אוּן עֶר אִיז גִיקוּמֶען צוּ דִי שׁוֹמְרִים וָואס זֵיי זֶענֶען גִישְׁטַאנֶען אַרוּם אִיטְלִיכְן בַּארְג (כַּנַ"ל) אוּן דִי שׁוֹמְרִים זֶענֶען מִן הַסְּתָם גִיוֶוען קְלֵיינֶע לַייט. וָואס זֵיי הָאבִּין גִימֶעגְט שְׁטֵיין אִין דֶעם אַוִיר פוּן דֶער וֶועלְט. וָוארִין דִי מֶענְטְשְׁן וָואס זֵיי הָאבִּין גִיהַאט מַעֲלוֹת מַחְמַת זֵייעֶר גֶעלְט. זֵיי הָאבִּין גָאר נִיט גִיקָאנְט זַיין אִין אֵיינֶעם מִיט דֶער וֶועלְט. אוּן הָאבִּין נִיט גִיקֶענְט שְׁטֵיין אִין דֶעם אַוִיר פוּן דֶער וֶועלְט. סֶע זָאל זֵיי נִיט מְטַמֵּא זַיין (כַּנַ"ל) אוּן זֵיי הָאבִּין גָאר נִיט גִיקֶענְט שְׁמוּסִין מִיט דֶער וָואלְט. מֶען זָאל זֵיי נִיט מְטַמֵּא זַיין מִיט דֶעם דוּךְ פוּן דֶעם מוֹיל (כְּלוֹמַר בַּיי דֶער נַארִישֶׁער מְדִינָה אִיז דִי וֶועלְט גָאר טָמֵא גִיוֶוען אַקֶעגִין זֵיי כַּנַ"ל) אִיבֶּער דֶעם זֶענֶען בְּוַודַאי דִי שׁוֹמְרִים וָואס זֵיי זֶענֶען גִישְׁטַאנֶען אוּנְטֶער דֶער שְׁטָאט. זֶענֶען זֵיי בְּוַודַאי גִיוֶוען קְלֵיינֶע לַייט נָאר דִי שׁוֹמְרִים הָאבִּין אוֹיךְ גִיהַאט דִי פַּאטְרֶעטִין (פוּן דִי גָאטִין זֵייעֶרֶע) אוּן זֵיי פְלֶעגִין דִי פַּאטְרֶעטִין צוּ הַאלְדְזְן אוּן צוּ קוּשִׁין אַלֶע מָאל. וָוארִין בַּיי זֵיי אִיז אוֹיךְ דֶער עִיקָּר אֱמוּנָה גִיוֶוען דָאס גֶעלְט.

אִיז דֶער בַּעַל תְּפִלָּה גִיקוּמֶען צוּ אֵיין שׁוֹמֵר. אוּן הָאט אָנְגִיהוֹיבִּין מִיט אִים צוּ שְׁמוּסִין פוּן דֶעם תַּכְלִית. בַּאֲשֶׁר אַז דֶער עִיקָּר תַּכְלִית אִיז נָאר גָאטְס דִינְסְט. תּוֹרָה אוּן תְּפִלָּה אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים. אוּן גֶעלְט אִיז גָאר אַ

נאַרישקייט. און סע גאָר קיין תּכלית ניט וכו' און דער שומר האט אים אָבער גאָר ניט צו געהערט. וואָרין סע איז שוין בּיי זיי אזוי אַיינגעזעצט געווען פון אַ לאַנגע צייט אַז דער עיקר איז נאָר דאָס געלט. כּנ"ל.

## וואו קען מען מאכן אַפּאר דאָלער

דער בּעל תּפלה האט פּרובּירט צו רעדן מיט'ן שומר, אָבער ער האט געזען ווי זיין גאנצע קאפּ ליגט אין געלט, ער האט שטענדיג גערעדט פון 'וואו קען מען בּאקומען נאָך געלט', 'וואו קען מען מאכן אַפּאר דאָלער', און 'וואו קען מען מאכן אַ גוטע אינוועסטמענט', האט דער בּעל תּפלה פאַרשטאַנען אַז ער האט נישט וואס צו רעדן מיט אים.

און אַזוי איז דער בּעל תּפלה גיגאַנגען צו אַלע שומרים. און האט מיט זיי אַזוי אַלץ גישמוסט. און זיי האבּין אים גאָר ניט צו גיהערט. האט זיך דער בּעל תּפלה מיישב גיווען. און איז אַריין גיגאַנגען אין שטאָט אַריין. וואס די שטאָט איז גיווען אויף דעם בּארג (כּנ"ל).

## פּועל'ן בּיי די גרעסערע עשירים

דער רבּי דערציילט דאָ, ווען דער בּעל תּפלה האט געזען ווי אַלע שומרים הערן זיך נישט צו, האט ער זיך מיישב געווען אַריין צו גיין אין שטאָט פּרובּירן צו פּועל'ן בּיי די גרעסערע עשירים. לכאורה איז דאָס זייער אומפאַרשטענדליך, ווייל זעענדיג אַז ער קען נישט פּועל'ן בּיי די קליינע עשירים, איז דאָך זיכער אַז בּיי די גרעסערע עשירים וועט ער נישט קענען פּועל'ן; וואלט ער זיך געדאַרפט מייאש זיין פון פּרובּירן בּיי זיי.

## ביסט שוין פריילִיך?!

נאָר דער פּשט איז זייער פּשוט; עס איז גרינגער צו רעדן מיט אַ מענטש וואס האט געלט ווי מיט אַ מענטש וואס וויל האבּן געלט; ווייל איינער וואס האט נישט קיין געלט, טראַכט אַ גאנצן צייט פון תּאוות ממון, **'הלוואי זאל איך האבּן געלט, אַזוי וועל איך האבּן אַ חיים טובים, איך וועל זיך קויפן אַ הויז און אַ שיף...'** ווידער דער וואס האט שוין געלט, ווייסט דאָך שוין אַז געלט איז גאָרנישט ווערד, ווייל ער האט שוין אַלעס און... בּיסט שוין פריילִיך?! האסט שוין געדולד צו דיינע קינדער?! אָדער דו און דיין ווייב ליגן אין געלט, און עטס דינגסט אַ גוי'אישע פרוי, אַ געהילפערקע וואס זאל וואוינען אין שטוב און זיך אָפּגעבּן מיט די קינדער...

## די חשובּ'סטע זאך - פאַר אַ גוי'אישע פרוי?!

איך פלעג דאָס זען אַלס קינד בּיי נישט היימישע משפּחות, אָבער היינט זעט מען דאָס שוין אפילו אין ווילִיאַמסבּורג בּיי חסידי'שע משפּחות, וואס זיי וואלטן געדאַרפט האבּן אַבּיסל מער שכל פון דעם. וואס איז דאָס חשובּ'סטע זאך בּיי אַ מענטש? די קינדער! נעמט מען די חשובּ'סטע זאך און מען געבּט דאָס איבּער פאַר אַ גוי'אישע פרוי זי זאל זיי אויפציִען?! עלטערן זאלן זיין פאַרנומען נאָר מיט געלט, געלט, געלט, און איבּער לאָזן די קינדער פאַר'ן גוי'אישע פרוי זי זאל צערטלען און אויפהאָדעווען די קינדער?!

## מאכן בּויך ווי פאַר נאָך איינעם

וואס האט דער עושר פון זיין געלט? ער האט נישט מיט זיין ווייבּ, ער האט נישט מיט זיינע קינדער, וואס האט ער? נאָר חברים פאַר וועם ער וועט ווייזן זיין נייע הויז, מיט דעם סוויטש מאכט מען אַז די בּעט זאל ווערן אַ בּענקל, מיט דעם סוויטש מאכט מען אַז די בּענקל זאל ווערן אַ טיש, מיט דעם סוויטש צינדט זיך אָן הייס וואַסער, עס הייבּט אָן גיסן וואַסער... און ווען די חברים גייען אַהיים איז נישט דאָ וואס צוטון מיט'ן הויז; עס איז נאָר געמאַכט געוואָרן אַז ווען די חברים קומען זאל איך קענען מאכן בּויך ווי פאַר נאָך איינעם, אָבער פאַר מיר אַליינס איז עס גאָרנישט ווערד; דערפאַר האט דער בּעל תּפלה זיך מיישב געווען, די שומרים ווילן נאָך אָנהויבּן געלט ווילנדיג צוקומען צו ווערן אַ גאַט, וועל איך גיין צו די גרויסע עשירים וואס האבּן דאָס שוין אויספּרובּירט, זיי ווייסן שוין אַז געלט איז גאָרנישט ווערד, אפשר וועל איך זיי קענען

צוריק בּרענגען צום אייבּערשטן.

## דער צדיק האט נאָך אַ נסיון

מיט דעם פּשט פאַרשטייט מען אויך וואס די הייליגע חכמים זאָגן (בּרכות לד:): **"בּמקום שבּעלי תּשובה עומדים שם, אין צדיקים גמורים יכולים לעמוד"**, אַ בּעל תּשובה איז מער חשוב בּיים אייבּערשטן ווי גרויסע צדיקים; פאַרוואס איז דער בּעל תּשובה גרעסער פון אַ צדיק? [איך געדענק נישט אין וועלכע ספר איך האבּ געזען דעם פּשט, קען זיין איך האבּ עס געטראַכט, אָבער עס איז זיכער אמת], ווייל דער צדיק גמור האט נאָך אַ נסיון, ער טראַכט נאָך 'זאל איך יאָ קוקן אָדער נישט קוקן', און צום סוף איז ער זיך מתגבּר און קוקט נישט.

## בּיי אים איז עס קלאָר און דייטליך

אָבער דער בּעל תּשובה וואס האט שוין אַלעס געטון, ער איז שוין געווען בּיי אַלע תּאוות, האט שוין געזען אַז עס איז גאָרנישט דאָ, עס איז נאָר דאָ טונקלקייט, עס איז דאָ גיהנום, אַזאַ סאָרט גיהנום און אַזאַ סאָרט גיהנום, גאָרנישט מאכט נישט פריילִיך דעם מענטש נאָר אַז מען איז בּיים אייבּערשטן, דערפאַר שטייט ער העכער פונעם צדיק ווייל בּיי אים איז אַלעס קלאָר און דייטליך, ער האט שוין נישט די ספיקות וואס דער צדיק האט. אַזוי ווי עס איז געווען ווען יתרו האט געזאָגט (שמות יח, א): **"עתּה ידעתּי כּי גדול ה' מכּל האלקים"**, שטייט אין זוהר הקדוש (יתרו סח.) אַז דעמאָלט איז געוואָרן דעם אייבּערשטנ'ס כּבוד זייער גרויס און חשוב, ווייל יתרו איז פאַרדעם געווען אַ גלח, ער האט געדינט אַלע עבודה זרה'ס, און ווען ער האט איינגעזען אַז אַלעס איז נאַרישקייטן, איז עס געווען בּיי אים קלאָר אָן קיין שום ספיקות.

ווי ער איז אַריין גיקומען אין שטאָט אַריין. איז בּיי זיי גיווען אַ גרויס חידוש. און זיי האבּין גיפרעגט. ווי אַזוי ביסטו אַהער אַריין גיקומען. וואָרין קיין שום מענטש האט זיך צו זיי ניט גיקאָנט צו טרעטין כּנ"ל. האט ער זיי גיענטפערט. וואס פרעגט איר. איך בּין זיך שוין אָבער פאָרט אַריין. האט דער בּעל תּפלה אָנגיהויבּין מיט איינעם צו שמוסין פון דעם תּכלית פון דער וועלט אַז געלט איז גאָר קיין תּכלית ניט וכו' (אַזוי ווי זיין שטייגער איז גיווען) און דער מענטש האט אים גאָר ניט צוגיהערט. און אַזוי דער אַנדערער און אַזוי אַלע. (כּלומר קיינער האט אים ניט צוגיהערט) וואָרין זיי זענען שוין אַלע אַזוי פאַרפירט גיווען אין זייערע נאַרישקייט אַז זיי האבּין שוין קיינעם ניט גיהערט. און סע איז בּיי זיי גיווען איין ווינדער בּיי די לייט. אַז סע זאל זיך גיפינען אַ מענטש. וואס ער זאל צו זיי קומען. און זאל זיי אַזוינס זאָגין. גאָר אַקעגן זייער אמונה. האבּין זיי זיך גישטויסין. אַז דאָס מוז זיין דער בּעל תּפלה. וואָרין זיי האבּין שוין גיהערט. אַז סע איז פאַר האַנדין אַזוי אַ בּעל תּפלה אויף דער וועלט. וואָרין די זאך פון דעם בּעל תּפלה איז שוין מפורסם גיווען אויף דער וועלט (כּנ"ל) און מען פלעגט אים רופין אויף דער וועלט. דער פרומער בּעל תּפלה. נאָר זיי האבּין אים נישט גיקאָנט חאפּין. וואָרין ער האט זיך בּיי איטליכן אַנדערש פאַרשטעלט. בּיי דעם האט ער אַ פּנים גיהאט ווי אַ סוחר און בּיי דעם. ווי איין אָרום מאַן וכו' כּנ"ל. און תּיכּף איז ער נמלט גיוואָרין פון דאָרט (כּלומר ער איז גיך אַוועק פון זיי).

## ער בּאקומט אַ שאָקל

ווילאַנג עס איז געגאַנגען גוט פאַר זיי האט קיינער נישט געוואָלט צוהערן צו אים, אַזוי ווי מען זעט שטענדיג, ווילאַנג עס גייט גוט פאַר אַ מענטש, קען מען נישט רעדן מיט אים פון תּכלית, ער איז נישט אינטערעסירט דיך אויסצוהערן, ערשט ווען ער בּאקומט אַ שאָקל, עס הייבּט אָן איבּערגיין אויף אים, דאַן קען מען אָנהויבּן רעדן מיט אים.

ויהי היום און סע איז גיווען איין גבּור. וואס מיט אים האבּין זיך צום הויף גינומען כּמה גבּורים. און דער גבּור מיט זיינע גבּורים. איז גיגאַנגען. און האט אָפּגינומען מדינות. און דער גבּור האט מער ניט גיוואָלט נאָר הכנעה. (כּלומר מען זאל זיין אונטער טעניג אונטער אים).

## דער אייבּערשטער וויל הכנעה

מוהרא"ש זכרונו לברכה איז מסבּיר (ספר נהרי אפּרסמון) אַז 'דער גבּור'

גֵייט אַרוֹיף אוֹיפְ'ן 'מִדַּת הַגְּבוּרָה' פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַ מֶענְטְשׁ כַאפְּט אַ קְלַאפּ, מִיט דִי קִינְדֶער, מִיט דִי פַּרְנָסָה, אָדֶער מִיט זִיךְ אַלֵיינְס, פַּארְוָואס טוּט דָאס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל דֶען אוּמְזִיסְט קְלַאפְּן אַ מֶענְטְשׁ?! נָאר דָאס אַלֶעס קוּמְט וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל 'הַכְנָעָה', דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ מַכְנִיעַ זַיין צוּ אִים, עֶר זָאל אוֹיפְהֵייבְּן זַיינֶע אוֹיגְן צוּ אִים אוּן זִיךְ דֶערְמַאנֶען אַז **'אִיךְ קֶען גָארְנִישְׁט אוּן אִיךְ דַארְף צוּקוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן'.**

## עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער

אַ מֶענְטְשׁ אִיז פַארְטִיפְט אִין זַיינֶע גֶעדַאנְקֶען אִיבֶּער זִיךְ; אִיךְ הָאבּ, אִיךְ גֵיי, אִיךְ מַאךְ, אִיךְ וֶועל, אוּן פַארְגֶעסְט אִינְגַאנְצְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, שִׁיקְט אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַ קְלַאפּ, כְּדֵי עֶר זָאל זִיךְ דֶערְמַאנֶען אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער.

## אַן אוֹיפְוֶועק רוּף פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן

עֶס מַאכְט זִיךְ אַמָאל וֶוען מֶען הַאלְט אִינְמִיטְן גֵיין, שְׁפִּירְט מֶען וִוי דִי בּוֹיךְ הֵייבְּט אָן דְרוּקְן אוֹיף דִי לִינְקֶע זַייט (דִי מִילְץ), אָדֶער בַּאקוּמְט מֶען אַ קְרֶעמְפּ, אוּן מֶען קֶען נִישְׁט רִירְן דִי פִּיס; וֶוען דָאס פַּאסִירְט בַּיי מִיר, קוּק אִיךְ עֶס אָן וִוי אַן אוֹיפְוֶועק רוּף פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט: אִיךְ קוּם, אִיךְ גֵיי, אִיךְ גֵיי טוּן דָאס, אִיךְ גֵיי טוּן יֶענְץ, שִׁיקְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַ דֶערְמַאנוּנְג, **"הֵייבּ אוֹיף דַיינֶע אוֹיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן".** דֶערְפַאר, אַז דֶער מֶענְטְשׁ שְׁטֶעלְט זִיךְ אָפּ אֵיין מִינוּט, אוּן דֶערְמַאנְט זִיךְ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בַּארוּאִיגְט זִיךְ דִי וֵוייטָאג, אוּן עֶר קֶען וַוייטֶער גֵיין.

## וֶועם קֶען מֶען יֶעצְט בַּאשׁוּלְדִיגְן?...

נָאךְ אַ בֵּיישְׁפִּיל; אַ מֶענְטְשׁ הַאלְט אִינְמִיטְן פָארְן, פְּלוּצְלִינְג בַּאקוּמְט זַיין רֶעדְל אַ לָאךְ (אַ פְלֶעט טַייעֶר); דָא אִיז דֶער פְּרָאבְּלֶעם זֵייעֶר גְרוֹיס, וַוייל דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אֲפִילוּ נִישְׁט וֶועם צוּ בַּאשׁוּלְדִיגְן; אִינְדֶערְהֵיים בַּאשׁוּלְדִיגְט מֶען דִי וַוייבּ אָדֶער דִי שְׁכֵנִים, אִין דִי בִּיזְנֶעס בַּאשׁוּלְדִיגְט מֶען דֶעם בַּעַל הַבַּיִת, אוּן אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ בַּאשׁוּלְדִיגְט מֶען דֶער גַּבָּאִי, אָבֶּער וֶוען מֶען בַּאקוּמְט אַ לָאךְ אִין דִי רֶעדְל אִינְמִיטְן וֶועג, וֶועם קֶען מֶען יֶעצְט בַּאשׁוּלְדִיגְן?... דֶער מֶענְטְשׁ רוּפְט חֲבֵרִים אוּן פְּרוּבִּירְט אַלֶע סָארְט עֵצוֹת, אָבֶּער אוֹיבּ עֶר הָאט שֵׂכֶל כַאפְּט עֶר זִיךְ אַז דָאס אִיז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס שִׁיקְט זַיין מִדַּת גְּבוּרָה כְּדֵי עֶר זָאל זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעבְּן אוּן זִיךְ דֶערְמַאנֶען פוּן אִים.

אוּן אַז דִי מְדִינָה פְלֶעגְט זִיךְ אוּנְטֶער גִיבִּין אוּנְטֶער אִים. פְלֶעגְט עֶר זֵיי צוּ לָאזִין. אוּן אַז נִיט. פְלֶעגְט עֶר זֵיי חָרוּב צוּ מַאכִין.

## דִי פַּרְשָׁה פוּן נְגָעִים

אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מַכְנִיעַ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז גוּט, אָבֶּער אַז נִישְׁט וֶוערְט אַלֶעס חָרוּב. אִיךְ גֶעדֶענְק אֵיינְמָאל וֶוען מוֹהֲרָא"שׁ אִיז גֶעקוּמֶען קַיין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג חוֹל הַמּוֹעֵד פֶּסַח גֶעבְּן אַ שִׁיעוּר, הָאט מוֹהֲרָא"שׁ דֶעמָאלְט גֶערֶעדְט אַז מֶענְטְשְׁן מֵיינֶען אַז דִי פַּרְשָׁה פוּן נְגָעִים אִיז אַ זַאךְ וָואס הָאט נָאר פַּאסִירְט אַמָאל אִין דִי צַייטְן פוּנֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, הַיינְט בַּאקוּמְט שׁוֹין נִישְׁט קַיין קְרֶעץ, אָבֶּער דָאס אִיז נִישְׁט רִיכְטִיג, וַוייל אַז מֶען רֶעדְט לָשׁוֹן הָרָע בַּאקוּמְט מֶען נָאךְ הַיינְט אוֹיךְ קְרֶעץ.

## נָאךְ אֵיינְמָאל רוּף אִיךְ דִיר צוּ דִין תּוֹרָה...

אוּן מוֹהֲרָא"שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר, 'נִגְעֵי בָּתִּים' אִיז - עֶס הֵייבְּט אָן רִינֶען וַואסֶער פוּן דִי דַאךְ, אוּן עֶס וֶוערְט אַ פְלֶעק אוֹיף דִי פֶּעינְט; אוֹיבּ הָאט דֶער מֶענְטְשׁ נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, וֶוערְט עֶר אוֹיפְגֶערֶעגְט אוֹיפְ'ן שָׁכֵן וָואס הָאט אַ שְׁטוּבּ מִיט קִינְדֶער, 'עֶר גֶעבְּט נִישְׁט אַכְטוּנְג, זַיין בֵּית הַכִּסֵּא הַאלְט אִין אֵיין וֶוערְן פַארְשְׁטָאפְּט אוּן עֶס רִינְט אִיבֶּער', אִיךְ גֵיי אַרוֹיף צוּ אִים, אִיךְ וֶועל אִים זָאגְן: **"גֶעוֶוענְדִיגְט; נָאךְ אֵיינְמָאל עֶס רִינְט אַרָאפּ, רוּף אִיךְ דִיר צוּ דִין תּוֹרָה, אוּן דוּ וֶועסְט דַארְפְן אִיבֶּער פֶּעינְטְן מַיין גַאנְצֶע הוֹיז"...** דֶער מֶענְטְשׁ כַאפְּט נִישְׁט אַז דָאס אִיז קְרֶעץ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דָאס גֶעמַאכְט כְּדֵי דוּ זָאלְסְט תְּשׁוּבָה טוּן, דוּ הָאסְט גֶערֶעדְט לָשׁוֹן הָרָע אוּן רְכִילוּת, אָדֶער הָאסְטוּ גֶערֶעדְט אוֹיף צַדִּיקִים.

## דִי וַואשׁ מַאשִׁין צֶעבְּרֶעכְט זִיךְ

דֶערְנָאךְ בַּאקוּמְט עֶר וַוייטֶער נָאךְ אַ קְרֶעץ, אַ נֶגַע אוֹיף זַיין וַואשׁ מַאשִׁין, זַיין וַואשׁ מַאשִׁין צֶעבְּרֶעכְט זִיךְ; דָא קֶען עֶר שׁוֹין נִישְׁט בַּאשׁוּלְדִיגְן זַיין שָׁכֵן, אָבֶּער עֶר קֶען שְׁרֵייעֶן אוֹיף זַיין וַוייבּ: **"פַארְוָואס לֵייגְסְטוּ אַרַיין אַזוֹי סַאךְ וֶועשׁ אוֹיף אֵיינְמָאל אִינֶעם וַואשׁ מַאשִׁין? דוּ מֵיינְסְט אַז אִיךְ וֶועל דִיר קוֹיפְן יֶעדְן טָאג אַ נֵייעֶ?!"** דֶער מֶענְטְשׁ כַאפְּט נָאכְאַלְץ נִישְׁט אַז מֶען וִויל אִים אוֹיפְוֶועקְן, עֶר זָאל אוֹיפְהֶערְן רֶעדְן לָשׁוֹן הָרָע אוּן רְכִילוּת.

## אַ נֵייעֶ בֶּעקִיטְשֶׁע, אַ נֵייעֶ הוּט

אוּן אַז דִי נֶגַע פוּן דִי הוֹיז הֶעלְפְט נִישְׁט, הֵייבְּט זִיךְ אָן 'נִגְעֵי בְּגָדִים'; עֶר קוֹיפְט זִיךְ אַ נֵייעֶ בֶּעקִיטְשֶׁע, אַ נֵייעֶ הוּט, אוּן עֶס פַאלְט אַרָאפּ, עֶס וֶוערְט שְׁמוּצִיג. בִּיז עֶס קוּמְט שׁוֹין דָאס קְרֶעץ אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ אַלֵיינְס, דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט קְרַאנְק רַחֲמָנָא לִצְלָן. דָאס אַלֶעס מַאכְט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וַוייל עֶר וִויל הַכְנָעָה; טוּ תְּשׁוּבָה, זָאג פַאר'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין וואוּיל", **"אִיךְ גֵיי שׁוֹין תְּשׁוּבָה טוּן", "אִיךְ גֵיי מֶער נִישְׁט וֵוי טוּן קַיין מֶענְטְשְׁן", "אִיךְ גֵיי מֶער נִישְׁט רֶעדְן שְׁלֶעכְטְס אוֹיף מֶענְטְשְׁן", "אִיךְ שׁוֹין נָאר טְרַאכְטְן פוּן דִיר"** - וַוייל אַז נִישְׁט וֶועט אַלֶעס חָרוּב וֶוערְן.

אוּן עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען. אוּן הָאט אַלְץ כּוֹבֵשׁ גִיוֶוען (דְהַיְינוּ אָפְּגִינוּמֶען) מְדִינוֹת. אוּן קַיין גֶעלְט הָאט עֶר גָאר נִיט גִיוָואלְט. נָאר הַכְנָעָה אַז מֶען זָאל זַיין אוּנְטֶער אִים. אוּן דֶער שְׁטֵייגֶער פוּן דֶעם גִבּוֹר אִיז גִיוֶוען. עֶר פְלֶעגְט שִׁיקִין אִין דֶער מְדִינָה אַרַיין זַיינֶע גִבּוֹרִים. אַז עֶר אִיז נָאךְ וַוייט גִיוֶוען פוּן דֶער מְדִינָה פוּפְצִיג מַייל. אַז זֵיי זָאלִין זִיךְ אוּנְטֶער גִיבִּין אוּנְטֶער אִים. אוּן עֶר הָאט אַלְץ אָפְּגִינוּמֶען מְדִינוֹת.

אוּן דִי סוֹחֲרִים פוּן דֶער מְדִינָה פוּן עֲשִׁירוּת הַנַּ"ל. וָואס זֵיי פְלֶעגִין צוּ הַאנְדְלֶען אִין פְרֶעמְדֶע מְדִינוֹת כַּנַּ"ל. זֶענֶען דִי סוֹחֲרִים אַהֵיים גִיקוּמֶען. אוּן הָאבִּין דֶערְצֵיילְט פוּן דֶעם גִבּוֹר. אִיז אוֹיף זֵיי גִיפַאלִין אַ גְרוֹיסֶער פַּחַד. חָאטְשֶׁע זֵיי וָואלְטִין צוּ גִישְׁטַאנֶען זִיךְ אוּנְטֶער צוּ גֶעבִּין אוּנְטֶער אִים. נָאר זֵיי הָאבִּין גִיהֶערְט. אַז עֶר אִיז מְמָאֵס גֶעלְט. אוּן עֶר ווִיל גָאר קַיין גֶעלְט נִיט. אוּן דָאס אִיז בַּיי זֵיי גִיוֶוען. אַקֶעגְן זֵייעֶר אֱמוּנָה. אִיבֶּער דֶעם הָאבִּין זֵיי זִיךְ נִיט גִיקָאנְט אוּנְטֶער גֶעבִּין אוּנְטֶער אִים. וָוארִין סֶע בַּיי זֵיי גִיוֶוען אַזוֹי וִוי שְׁמַד. וַוייל עֶר גְלֵייבְּט גָאר נִיט אִין זֵייעֶר אֱמוּנָה דְהַיְינוּ אִין גֶעלְט. אוּן זֵיי הָאבִּין זֵייעֶר מוֹרָא גִיהַאט פַאר אִים. אוּן זֵיי הָאבִּין אָנְגִיהוֹיבִּין צוּ טָאן זֵייעֶרֶע עֲבוֹדוֹת. אוּן מַקְרִיב צוּ זַיין קָרְבָּנוֹת צוּ זֵייעֶרֶע גָאטִין (דְהַיְינוּ צוּ דִי וָואס הָאבִּין פִיל גֶעלְט) אוּן הָאבִּין גִינוּמֶען אַ חַיָה'לֶע (דְהַיְינוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס עֶר הָאט גִיהַאט אַבִּיסִיל גֶעלְט וָואס עֶר אִיז בַּיי זֵיי אַ חַיָה גִיוֶוען) אוּן הָאבִּין אִים מַקְרִיב גִיוֶוען פַאר אַ קָרְבָּן צוּ זֵייעֶרֶע גָאטִין (הַנַּ"ל) אוּן אַזוֹי הָאבִּין זֵיי גִיטָאן זֵייעֶרֶע אִיבְּרִיקֶע עֲבוֹדוֹת (דְהַיְינוּ דִי זַאכִין וָואס זֵיי פְלֶעגִין דֶערְמִיט צוּ דִינֶען זֵייעֶרֶע גָאטִין).

אוּן דֶער גִבּוֹר אִיז אַלֶע מָאל נֶעהֶנְטֶער צוּ גִיקוּמֶען צוּ זֵיי. אוּן עֶר הָאט אָנְגִיהוֹבִּין צוּ שִׁיקִין צוּ זֵיי זַיינֶע גִיבּוֹרִים. וָואס זֵיי ווִילִין. אַזוֹי וִוי זַיין שְׁטֵייגֶער אִיז גִיוֶוען כַּנַּ"ל. אִיז אוֹיף זֵיי גִיוֶוען אַ גְרוֹיסֶע פַּחַד. אוּן זֵיי הָאבִּין נִיט גְוואוּסְט וָואס צוּ טָאן. הָאבִּין זֵיי דִי סוֹחֲרִים זֵייעֶרֶע אֵיין עֵצָה גִיגִיבְּן. כַּאֲשֶׁר. זֵיי זֶענֶען גִיוֶוען אִין אַ מְדִינָה. וָואס דִי גַאנְצֶע מְדִינָה זֶענֶען אַלֶע גָאטִין. אוּן פָארִין מִיט מַלְאָכִים. דְהַיְינוּ יֶענֶע מְדִינָה אִיז דִי גַאנְצֶע מְדִינָה. פוּן קְלֵיין בִּיז גְרוֹיס זֶענֶען אַלֶע ווִילְד גְרוֹיסֶע עֲשִׁירִים זֵייעֶר. בִּיז דֶער קְלֶענְצְטֶער פוּן דֶער מְדִינָה אִיז אַ גָאט (וֶועדְלִיג זֵייעֶר נַארִישׁ פַאר פִירְטְקֵייט. וָוארִין דֶער קְלֶענְצְטֶער פוּן דֶער מְדִינָה אִיז אַזוֹי אֵיין עוֹשֶׁר אוּן הָאט אַזוֹי פִיל גֶעלְט. וִויפִיל בַּיי זֵיי אִיז אוֹיס גִיזֶעצְט אַז מִיט אַזוֹי פִיל גֶעלְט אִיז מֶען שׁוֹין אַ גָאט כַּנַּ"ל) אוּן זֵיי פָארִין מִיט מַלְאָכִים. וָוארִין זֵייעֶרֶע פֶערְד זֶענֶען צוּ גִידֶעקְט מִיט אַזוֹי אַ גְרוֹיס עֲשִׁירוּת מִיט גָאלְד אוּן נָאךְ אַזוֹי אַ גְלַייכִין. וָואס אַ דֶעק פוּן אַ פֶערְד (פוּן דֶער מְדִינָה) טְרֶעפְט אָן וִויפִיל בַּיי זֵיי הָאט אַ מַלְאַךְ. (דְהַיְינוּ מִיט אַזוֹי פִיל גֶעלְט וִוי אַ דֶעק פוּן אַ פֶערְד טְרֶעפְט אָן בַּיי דֶער מְדִינָה. אִיז מֶען בַּיי זֵיי שׁוֹין מִיט אַזוֹי פִיל גֶעלְט אַ מַלְאַךְ) נִמְצָא פָארִין זֵיי מִיט מַלְאָכִים זֵיי שְׁפַּאנֶען אַיין דְרַיי פָּאר מַלְאָכִים אוּן פָארִין מִיט זֵיי. בְּכֵן בַּאדַארְפְט אִיר שִׁיקִין צוּ דֶער מְדִינָה. אוּן זֵיי וֶועלִין אַייךְ בְּוַודַאי הֶעלְפִין וָוארִין זֵיי זֶענֶען זִיךְ אַלֶע גָאטִין. (אַזוֹי אִיז אַלְץ גִיוֶוען דִי עֵצָה פוּן זֵייעֶרֶע סוֹחֲרִים) אִיז דִי עֵצָה זֵיי זֵייעֶר גִיפֶעלִין. וָוארִין זֵיי הָאבִּין גִיגְלֵייבְּט. אַז זֵיי וֶועלִין בְּוַודַאי גִיהָאלְפִין וֶוערְן דוּרְךְ יֶענֶער מְדִינָה. וָוארִין זֵיי זֶענֶען זִיךְ דָארְט אַלֶע גָאטִין כַּנַּ"ל.

און דֶער בַּעַל תְּפִלָּה. הָאט זִיךְ מְיַישֵׁב גִיוֶוען. עֶר וֶועט נָאךְ אַמָאל גֵיין צוּ דֶער מְדִינָה. טָאמֶער וֶועט עֶר זֵיי פָּארְט אַרוֹיס פִירִין פוּן זֵייעֶרע נַארִישְׁקֵייט.

## פַארְוָואס פֶּעלְט אוֹיס אַ שִׁיעוּר הִתְחַזְקוּת...

דֶער בַּעַל תְּפִלָּה הָאט פַארְשְׁטַאנֶען, וְוילַאנְג עֶס אִיז זֵיי גֶעגַאנְגֶען גוּט זֶענֶען זֵיי נִישְׁט גֶעוֶוען אִינְטֶערֶעסִירְט אִין זַיינֶע וֶוערְטֶער, אָבֶער אַז דֶער גִּבּוֹר אִיז גֶעקוּמֶען אוּן עֶס אִיז גֶעפַאלְן אוֹיף זֵיי אַ פַּחַד, וֶועלְן זֵיי שׁוֹין יָא אוֹיסְהֶערְן וָואס עֶר זָאגְט. אַזוֹי וִוי עֶס אִיז בַּיי יֶעדְן מֶענְטְשׁ, וְוילַאנְג אַלֶעס גֵייט גוּט טְרַאכְט מֶען 'פַארְוָואס פֶּעלְט אוֹיס צוּ הֶערְן אַ שִׁיעוּר הִתְחַזְקוּת, אַ שִׁיעוּר פוּן 'אֵייבֶּערְשְׁטְן', עֶס פֶּעלְט נִישְׁט אוֹיס דִי אַלֶע זַאכְן'... אָבֶער וֶוען עֶס הֵייבְּט אָן אִיבֶּער גֵיין - דֶעמָאלְט דַארְף מֶען שׁוֹין וִויכְטִיג הָאבְּן דִי דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה.

און עֶר אִיז אַהִין גִיגַאנְגֶען. און עֶר אִיז גִיקוּמֶען צוּ דִי שׁוֹמְרִים. און עֶר הָאט אָנְגִיהוֹיבִּין צוּ שְׁמוּסִין מִיט אֵיין שׁוֹמֵר. אַזוֹי וִוי זַיין שְׁטֵייגֶער אִיז. הָאט אִים דֶער שׁוֹמֵר דֶערְצֵיילְט פוּן דֶער גִּבּוֹר. אַז זֵיי הָאבִּין גְרוֹיס פַּחַד פַאר אִים. הָאט אִים דֶער בַּעַל תְּפִלָּה גִיפְרֶעגְט. וָואס הָאט אִיר בְּדֵיעָה צוּ טָאן. הָאט אִים דֶער שׁוֹמֵר דֶערְצֵיילְט. דִי זַאךְ הַנַ"ל. אַז זֵיי ווִילִין שִׁיקְן צוּ דֶער מְדִינָה וָואס זֵיי זֶענֶען אַלֶע גָאטִין וְכוּ' כַּנַ"ל. הָאט דֶער בַּעַל תְּפִלָּה אוֹיס אִים זֵייעֶר גִילַאכְט. און עֶר הָאט צוּ אִים גִיזָאגְט. דָאס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיס נַארִישְׁקֵייט. וָוארִין זֵיי זֶענֶען מֶענְטְשְׁן אַזוֹי וִוי מִיר (דְהַיְינוּ דִי מְדִינָה וָואס זֵיי הָאבִּין אַהִין גִיוָואלְט שִׁיקִין זֵיי זֶענֶען נָאר מֶענְטְשְׁן) און אִיר אַלֶע מִיט אַייעֶרע גָאטִין זֶענֶען אַלֶע נָאר מֶענְטְשְׁן. און סֶע אִיז קֵיינֶער קֵיין גָאט נִיט. סֶע מֶער נִיט פַארְהַאנְדִין נָאר אֵיין גָאט אוֹיף דֶער וֶועלְט. דֶער וָואס הָאט אַלֶע בַּאשַׁאפִין. און אִים אַלֵיין בַּאדַארְף מֶען נָאר צוּ דִינֶען און צוּ אִים בַּאדַארְף מֶען נָאר מִתְפַּלֵל זַיין און נָאר דָאס אִיז דֶער עִיקָר תַּכְלִית אוֹיף דֶער וֶועלְט. און דֶעסְט גְלַייכִין נָאךְ אַזוֹינֶע רֵייד הָאט אַלִץ דֶער בַּעַל תְּפִלָּה גִירֶעט מִיט דֶעם שׁוֹמֵר. און דֶער שׁוֹמֵר הָאט אַלִץ נִיט צוּגִיהֶערְט. וָוארִין סֶע אִיז שׁוֹין בַּיי זֵיי אַיינְגִיזֶעצְט גִיוֶוען זֵייעֶרֶע נַארִישְׁקֵייט פוּן אַ לַאנְגֶע צַייט כַּנַ"ל. נָאר דֶער בַּעַל תְּפִלָּה. הָאט אָבֶער מִיט אִים אַסַאךְ גִיטַעֲנִ'ט.

## גֶעלְט וֶועט נִישְׁט הֶעלְפְן

דֶער בַּעַל תְּפִלָּה הָאט נִישְׁט אוֹיפְגֶעגֶעבְן אַזוֹי שְׁנֶעל, נָאר אַסַאךְ גֶערֶעדְט מִיט זֵיי וואוּסֶענְדִיג אַז יֶעצְט אִיז גְרִינְגֶער צוּ פּוֹעֵלְ'ן, וַוייל זֵיי הָאבְּן אַ פַּחַד, און זֵייעֶר גֶעלְט קֶען נִישְׁט הֶעלְפְן.

בִּיז צוּם סוֹף. הָאט דֶער שׁוֹמֵר אִים גִיעֶנְפֶערְט. וַוייטֶער וָואס קָאן אִיךְ טָאן. אִיךְ בִּין זִיךְ נָאר אֵיינֶער. און דָאס הָאט שׁוֹין אַ פָּנִים עֶפֶּעס פוּן אֵיין תְּשׁוּבָה. וָוארִין דִי רֵייד וָואס דֶער בַּעַל תְּפִלָּה הָאט פְרִיר גִירֶעט מִיט דֶעם שׁוֹמֵר. און דִי רֵייד וָואס עֶר הָאט אִיצְט גִירֶעט. הָאבִּין זֵיי זִיךְ אִין אֵיינֶעם צוּם הוֹיף גִינוּמֶען. בִּיז זֵיי הָאבִּין אִים עֶפֶּעס גִירִירְט. (וָוארִין דִי תְּשׁוּבָה וָואס דֶער שׁוֹמֵר הָאט גִיעֶנְפֶערְט. וָואס קָאן אִיךְ טָאן וְכוּ'. דָאס וַוייזְט אוֹיס אַז דִי רֵייד פוּן דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה הֵייבִּין שׁוֹין אָן עֶפֶּעס אַבִּיסֶל אַרַיין צוּ גֵיין אִים אִין הַארְצִין אַרַיין) און אַזוֹי אִיז דֶער בַּעַל תְּפִלָּה גִיגַאנְגֶען צוּם אַנְדֶערִין שׁוֹמֵר. און הָאט מִיט אִים אוֹיךְ גִירֶעט אַזוֹי וִוי זַיין שְׁטֵייגֶער אִיז כַּנַ"ל און עֶר הָאט אִים אוֹיךְ נִיט צוּ גִיהֶערְט און צוּם סוֹף הָאט עֶר אִים אוֹיךְ אַזוֹי גִיעֶנְפֶערְט כַּנַ"ל. אִיךְ בִּין זִיךְ נָאר אֵיינֶער וְכוּ' כַּנַ"ל. און אַזוֹי אַלֶע שׁוֹמְרִים הָאבִּין אִים גִיעֶנְפֶערְט דִי תְּשׁוּבָה צוּם סוֹף.

## אִיךְ בִּין נָאר אֵיינֶער...

אַלֶע שׁוֹמְרִים הָאבְּן גֶעעֶנְטְפֶערְט דִי זֶעלְבֶּע וֶוערְטֶער: **"וָואס קֶען אִיךְ טוּן, אִיךְ בִּין נָאר אֵיינֶער"**, און דָאס אִיז זֵייעֶר גֶעפָאלְן פַארְ'ן בַּעַל תְּפִלָּה, וַוייל דָאס אִיז אַ סִימָן אַז זַיינֶע וֶוערְטֶער זֶענֶען שׁוֹין אַרַיין אִין הַארְץ, נָאר מֶען שֶׁעמְט זִיךְ צוּ זַיין אַנְדֶערְשׁ פוּן יֶעדְן, אָבֶער אַז מֶען וֶועט יֶעדְן מְקָרֵב זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועלְן זֵיי זִיךְ שׁוֹין נִישְׁט שֶׁעמֶען. דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ דַארְפְן מְפִיצִים וִויסְן, אַז מֶען רֶעדְט צוּ אַ מֶענְטְשׁ און יֶענֶער זָאגְט: **"דִי גַאנְצֶע וֶועלְט הַאלְט דָאךְ אַנְדֶערְשׁ פוּן עֶנְק"**, אִיז דָאס אַ גוּטֶע סִימָן, וַוייל יֶעצְט קֶען אִיךְ גֵיין צוּ נָאךְ אֵיינֶעם, און צוּ נָאךְ אֵיינֶעם, בִּיז אִיךְ וֶועל צוּרִיק בְּרֶענְגֶען דִי גַאנְצֶע וֶועלְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## עֶס אִיז נָאר דָא אֵיין עֵצָה

עַל כָּל פָּנִים זֶעעֶן מִיר אִין דִי מַעֲשֶׂה אַ מוֹרָא'דִיגֶע זַאךְ, וֶוען עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ צָרוֹת און פְּחָדִים, אִיז נָאר דָא אֵיין עֵצָה, דִי עֵצָה וָואס דֶער בַּעַל תְּפִלָּה הָאט גֶע'חַזֶר'ט, גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און תְּשׁוּבָה טוּן - אִיבֶּער בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## וָואס קֶען גֶעלְט הֶעלְפְן?

מֶען זֶעט גְרוֹיסֶע עֲשִׁירִים וָואס פַארְזִיכֶערְן זִיךְ אִין זֵייעֶר גֶעלְט, פְּלוּצְלִינְג פִילְט עֶר נִישְׁט גוּט, אָדֶער זַיין וַוייבּ פִילְט נִישְׁט גוּט, אָדֶער - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אָפְּהִיטְן - אַ קִינְד הֵייבְּט אָן אַוֶועק צוּ גֵיין פוּן אִידִישְׁן וֶועג, וֶוערְן זֵיי פַארְלוֹירְן, זֵיי וֵוייסְן זִיךְ נִישְׁט קַיין עֵצָה צוּ גֶעבְן, זֵיי הָאבְּן אַזוֹי סַאךְ גֶעלְט, אָבֶער גֶעלְט קֶען נִישְׁט הֶעלְפְן. וַוייל וָואס קֶען גֶעלְט הֶעלְפְן וֶוען דֶער גִּבּוֹר אִיז דָא; דֶער גִּבּוֹר וִויל אֵיין זַאךְ 'הַכְנָעָה', גֵיי צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן און זָאג אִים: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ הֵייבּ אָן פוּנְדָאסְנַיי", **"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין וואוֹיל", "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד"**.

## לֶעבְן מִיט תַּכְלִית

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן, מִיר זָאלְן פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, און אָנְהֵייבְּן לֶעבְן מִיט תַּכְלִית, מִיט הִתְבּוֹדְדוּת, אַרָאפְּנֶעמֶען יֶעדְן טָאג אַפָּאר מִינוּט און זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְצֵיילְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וִוי שְׁטַארְק מֶען וִויל זַיין וואוֹיל און עֶרְלִיךְ, און וִוי שְׁוֶוער עֶס קוּמְט אָן.

## זָאג פָּשׁוּטְ'ע וֶוערְטֶער

אָבֶער וֶוען מֶען וִויל זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין, הֵייבְּט הֵייבְּט זִיךְ אָן אַלֶע סָארְט סְפֵיקוֹת 'וִוי אַזוֹי **רֶעדְט מֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? וָואס זָאגְט מֶען? וִוי אַזוֹי בִּין אִיךְ זִיךְ מַכְנִיעַ פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן?**' דַארְף מֶען וִויסְן אַז דוּ דַארְפְּסְט גָארְנִישְׁט זָאגְן סְפֶּעצִיעֶל, זָאג פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן פָּשׁוּטְ'ע וֶוערְטֶער, אַזוֹי וִוי דוּ וָואלְסְט וֶוען גֶעטְרָאפְן אַ חַבֵר און גֶערֶעדְט צוּ אִים אַזוֹי זָאלְסְטוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאג פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: **"זַיי מִיר מוֹחֵל אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין וואוֹיל, אִיךְ גֵיי שׁוֹין זַיין גוּט"**.

## דַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע נַאטוּרְן קוּמֶען נִישְׁט מִיט?

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז לְגַבֵּי 'שָׁלוֹם בַּיִת', וֶוען מַאן און וַוייבּ הָאבְּן זִיךְ עֶפֶּעס צֶעאַמְפֶּערְט, דֶער מַאן וֵוייסְט נִישְׁט וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ בֶּעסֶער מַאכְן מַיין שָׁלוֹם בַּיִת? עֶר טְרַאכְט '**אֶפְשָׁר זָאל אִיךְ אִיר אַרוֹיס נֶעמֶען עֶרְגֶעץ, אָדֶער זָאל אִיךְ אַוֶועק פָארְן מִיט אִיר עֶרְגֶעץ וַוייט**'; וָואס קְלֶערְסְטוּ, אַז דוּ קוּמְסְט זִיךְ נִישְׁט אוֹיס אִינְדֶערְהֵיים, וֶועסְטוּ זִיךְ אִיבֶּער דִי וַואסֶער יָא אוֹיסְקוּמֶען?... דוּ מֵיינְסְט וֶוען מֶען פָארְט אַוֶועק אִיז נִישְׁט דָא דָארְט קַיין יֵצֶר הָרָע? דָארְט קוּמֶען נִישְׁט מִיט דַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע נַאטוּרְן?!

## הַכְנָעָה און רֶעדְן שֵׁיין

דֶער מַאן טְרַאכְט '**אֶפְשָׁר אַז אִיךְ וֶועל אִיבֶּער מַאכְן דִי גַאנְצֶע הוֹיז וֶועל אִיךְ צוּרִיק בַּאקוּמֶען שָׁלוֹם בַּיִת**'... אַז מֶען הָאט דָאס גֶעלְט קֶען מֶען דָאס טוּן, אָבֶער נִישְׁט דָאס וֶועט דִיר גֶעבְן שָׁלוֹם בַּיִת, זִי דַארְף נָאר פָּשׁוּטְ'ע וֶוערְטֶער פוּן הַכְנָעָה און רֶעדְן שֵׁיין, זָאג אִיר: **"זַיי מִיר מוֹחֵל, אִיךְ גֵיי דִיר מֶער נִישְׁט טְשֶׁעפֶּען", "אִיךְ גֵיי מֶער נִישְׁט רֶעדְן אַזוֹי", "אִיךְ גֵיי דָאס מֶער נִישְׁט טוּן", "אִיךְ גֵיי מֶער אַכְטוּנְג גֶעבְן אוֹיף דִיר"**, פְּרוּבִּיר עֶס אֵיינְמָאל אוֹיס, וֶועסְטוּ זֶען וִוי שֵׁיין עֶס אַרְבֶּעט, אַלֶעס וֶועט זִיךְ אִיבֶּער דְרֵייעֶן צוּם גוּטְן, דוּ וֶועסְט לֶעבְן אַ חַיִים טוֹבִים מִיט דַיין וַוייבּ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָּאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן, וֶועט דֶער גִּבּוֹר אוּנְז אָפְּלָאזְן, און מִיר וֶועלְן הָאבְּן אַ חַיִים טוֹבִים, אָמֵן.

נָאכְדֶעם הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעזִינְגֶען דֶעם נִיגוּן: **"שַׁבָּת קָדְשֵׁנוּ, מַחְמַד עֵינֵינוּ, מֵאִיר עֵינֵינוּ, בִּזְכוּת רַבֵּנוּ. אַשְׁרֵינוּ, מַה טוֹב חֶלְקֵנוּ, שֶׁזָּכִינוּ לְהִתְקָרֵב לְרַבֵּנוּ"**.